19 איך מאַכן פּסח מיט מײַנע תּלמידים. און די תּלמידים
האָבן געטון, ווי ישוע האָט זיי באַפוילן; און צוגע־
20 גרייט דאָס קרבן־פּסח. און ווען עס איז געוואָרן
אָוונט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט צום טיש מיט
21 די צוועלף תּלמידים. און בשעת זיי האָבן געגעסן,
האָט ער געזאָגט: באמת זאָג איך אײַך, אַז איינער
22 פון אײַך וועט מיך פאַרראַטן! און זיי זענען געוואָרן
זער טרויעריק, און האָבן אָנגעהויבן, איינער נאָכן
23 אַנדערן, צו זאָגן צו אים: האַר, בין איך דאָס? און
ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: דער, וואָס טונקט
אײַן די האַנט מיט מיר אין דער קערה, דער דאָזיקער
24 וועט מיך פאַרראַטן. דער בן־אדם גייט טאַקע לויט
ווי עס שטייט געשריבן וועגן אים; ווי איז אָבער
צו יענעם מענטשן, דורך וועמען דער בן־אדם ווערט
פאַרראַטן! עס וואָלט געווען גוט פאַר יענעם מענטשן,
25 אויב ער וואָלט גאָרנישט געבוירן געוואָרן. און
יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט ענטפערנדיק
געזאָגט: רבי, בין איך דאָס? זאָגט ער צו אים: דו
26 האָסט עס געזאָגט! און בשעת זיי האָבן געגעסן,
האָט ישוע גענומען ברויט, און האָט געמאַכט אַ
ברכה, האָט עס צעבראָכן, און געגעבן צו די תּלמידים,
27 און געזאָגט: נעמט, עסט! דאָס איז מײַן גוף. און ער
האָט גענומען אַ כּוס, געמאַכט אַ ברכה, און געגעבן
28 צו זיי, זאָגנדיק: טרינקט אַלע דערפון! וואָרום
דאָס איז מײַן בלוט פון דעם נײַעם בונד, וואָס
ווערט פאַרגאָסן פאַר פילע צו דער פאַרגעבונג
29 פון זינד. איך זאָג אײַך אָבער, איך וועל מער
נישט טרינקען פון איצט אָן פון דער פרוכט פונם
ווײַנשטאָק, ביז צו יענעם טאָג, ווען איך וועל
דאָס טרינקען מיט אײַך נײַ אין דעם קעניגרײַך
פון מײַן פאָטער.